3 1761 04272 9392

PJ
5129
B6S56
1916X
c.1
ROBA

LIBRARY
JULY
21
'89
UNIVERSITY OF TORONTO

טויכט אַרויס אַ קול פון ערגעץ,
הילכט ער פּראָסטיג, קלינגט ער רוהיג:

ציים פּאַר קוסען, צייט פּאַר שיידען,
גלייך די וואָג פון לוסט און ליידען,
וויפיעל פרייד אַזוי פיעל טרעהרען...

זונען קומען, זונען געהען,
הין און הער די ווינדטען וועהען,
מוז דער קרייז זיך ווידער קעהרען...

יאָגען טייכען, ציהען שטראָמען,
צו דעם ים און זיינע תהומען,
און דער ים — קָען פול ניט ווערען...

. . . .

אין די קיהלע לאַנגע גראָזען...
ברענען אין די צווייגען אויבען
רונדע אויגען פון אַ סאָווע,
פליהט אַ פלעדערמויז אַריבער,
ריהרט איהם אָן איהר קאַלטער פליגעל...

שלוכצט אין גראָז פערגראָבען, שלמה...
שפינט זיך פון דעם דונקלען הימעל,
ערגעץ פון אַ ווייטען שטערען,
ביז צו איהם אַראָב אַ פאָדעם...
נעהמט דעם פאָדעם קיניג שלמה,
וועבט ער אויס דערפון תכריכים,
פאַר זיין יוגענד און זיין ליעבע,
פאַר זיין שטאָלץ און פאַר זיין קנאה...

טריפען בשמים אויף די סטרונעס,
קען ער אָן די טריט דערקענען,
וועמענס ראָזע פיס זיך גליטשען,
אויף די גלאַטע מירמעלשטיינער...
ווייס ער — זיינע ווייבער נאַקעט,
פלעכטען ווילדע קארעראדען
רונד אַרום דעם שדים־קיניג...

שלייכט אַרום דער קיניג שלמה,
שלענג אין האַרצען, סם אין מח,
קלייבט ער אויס דעם ווייטסטען ווינקעל,
זוכט ער אויס דעם שוואַרצסטען שאַטען,
פאַלט ער אויפגעקנוילט אַנידער,

קריכט ביי נ אַ כ ט דער קיניג שלמה
אין די שאָטענס פונ׳ם גאָרטען,
זעהט ער ווי פון פּאַלאַץ־פענסטער,
פאַלט דאָס ליכט אין ווייסע שטעגען...
הערט ער זינגען און געלעכטער,
קען ער יעדער שטים דערקענען,
ווייס ער יעדער טרעל בעזונדער,
וועלכער שעהנער האַלז איהם צווישערט...
ווייס ער — זיינע ווייבער זינגען
און עס קייכט דער שדים קיניג...

הערט ער האַרפענשפּיעל און טאַנצען,
ווייס ער וועמענס דינע פינגער,

קלאַפּט ער איין מאָל און קלאַפּט צוויי מאָל —
שלמה'ס אויסזעהן, שלמה'ס קלאַפּען —
קומט אמינא מיט די שליסלען,
עפענט זי דעם שדים־קיניג...

. . . .

געהט ביי טאָג דער קיניג שלמה,
אין די מערק און אין די גאַסען,
ווילד צולאָזט די האָאר די שעהנע,
וויסט פערגלייזט די אויגען זיינע,
הינטער איהם אַ מחנה קינדער,
ברומט און בילט פייפט און מיאַוקעט,
שפּאָט איהם נאָך אויף הונדערט שטימען:
„איך בין שלמה! איך בין שלמה!"...

טהראַנט ביי ט אָ ג דער שדים־קיניג,
טראָגט די דימענט־קרוין פון שלמה׳ן,
טראָגט זיין מאַנטעל און זיין פנים...
לייכט דער רינג איהם אויפ׳ן פינגער,
קומען מענשען, קומען חיות,
קומען פויגלען פון מרחקים,
קלאָגט זיך יעדער אויף זיין לשון —
לאַכט דער אַשמדאי אין הארצען...

געהט ביי נ אַ כ ט דער שדים־קיניג
צו דעם פאַלאַץ פון די בלומען,
קומט ער צו דעם קליינעם טויער,
שפרייזט ער דורך די שמאַלע שטעגען,

אַשמדאי

זויגט נאָך זאַפט פון רויטע ליפּען,
וויגט זיך נאָך אויף הייסע גליעדער,
יונגער שלמה אין זיין פּאַלאַץ —
און דער אשמדאי ביים טויער,
אָנגעטהאָן אין שלמה'ס קליידער
אָנגעקליידט אין שלמה'ס פּנים,
שטעהט און רופט מיט שלמה'ס שטימע:
„גיב מיר אָפּ דעם רינג אמינא...״

רייכערט קיניגין רזשאַראַדאַ,
יעדען טאָג איהר אָפּגאָט ווייהרויך,
קרייזלען זיך אַרוים פון פּאַלאַץ
יעדער טאָג די בלאָע שלענגלעך...

. . . .

זוכט דער אַשמדאַי תחבולות,
שלמה'ס יאָך פון זיך צו וואַרפען,
שלמה'ס רינג פון איהם צו גנב'ען,
נישטערט ער אַרום דעם פּאַלאַץ,
שמעקט זיין נאָז דעם געצען־ווייהרויך,
פלאַמען אויף די אויגען זיינע —
איצטער איז דער טאָג געקומען...

. . . .

ברינגט ער זי אין פּאַלאַץ זיינעם,
קיניגט זי אויף אַלע ווייבער —
שלמה׳ם פרייד פון אַלע פריידען...

שיקט דער קיניג רופען מייסטערס,
הייסט ער זיי אַ גאָלד־געץ שמידען,
לאָזט ער אויפ׳ן גאָלד־געץ הייגגען,
שנורען פערל און בריליאַנטען...
אויסגעליידיגט אוצרות גאַנצע,
נאָר דזשאַראַדאַ׳ם האַרץ צו פאַנגען,
נאָר צו זעהן די קליינע צייהנער,
ווען די ליפען איהרע שמייכלען —
שאָלען שנעע בעזוימט מיט רויזען...

. . . .

אײן בעדינג נאָר װיל איך האָבען —
זאָלסט פון גאָלד מײן אָפּגאָס שמידען,
זאָלסט איהם בײַ מײן בעט מיר שטעלען,
װעל איך רױבערען איהם װײַהרױך.
װעט ער זײַן געגאָר מיר שענקען,
װעט ער פון דײַן גאָט מיך שיצען...
זאָגט איהר צו דער קיניג שלמה —
בליצט פון כעס דער שם המפורש
פון דעם זיגעל אויף זײַן פינגער...

. . . .

פיהרט אװעק דער שטאָלצער מלך
אויפ'ן לינדען װינד דזשאַראַדא'ן.

זאָגט דער מלך צו דזשאַראַדאַ'ן:
טויזענד בלומען אין מיין פּאַלאַץ,
זיינען גרייט מיין האַרץ צו פרעהען,
וואונדער שעהן איז יעדע איינע,
פון איהר לאַנד און שטאָם די שעהנסטע,
ועסטו זיין די קרוין פון אַלע,
וועט דזשאַראַדאַ זיין די מלכה
איבער טויזענד קיניגינען...

רויטעלט זיך די אינזעל־מלכה,
ווי אין אבענד גלאַנץ אַ פּערל,
ענטפערט זי דעם קיניג שלמה: —
איך וועל געהן אין פּאַלאַץ דיינעם,

העגגט א וואלקען א געדיכטער
אויף די הונדערט־מיילען־מחנה,
פליהט ער מיט'ן ווינד צוזאמען...
איז דער וואלקען לויטער פויגלעך,
איינגעגנורעט איינס אין צווייטען —
לאזען זיי א שטראהל ניט דורכגעהן,
קיהלען זיי די הייסע לופטען...

יאגט געשווינד דער ווינד דער לינדער —
איז א שעה נאך ניט פארגאנגען,
שטעהט דער מלך שוין בע'כשופ'ט,
פאר דער הופטיגער דזשאראדא...

„וואו געלוסט זיך דיר צו רייזען?"
זאָגט צו איהם דער קיניג שלמה:
„טראָג מיך גרינג דורך ווייטע לענדער,
„פיהר מיך פלינק צום גרינעם אינזעל..."

טראָגט דער לינדער ווינד די מחנה,
איבער בערג און איבער טהאָלען,
איבער אָלע בלאָע ימים...
וויגט זיך נים דאָס מינדסטע גרעזעל,
קרויזט זיך נים אַ וואסער־בלעזעל,
וואו עס געהט דער ווינד אַריבער...

הונדערט מייל אויף הונדערט מיילען...
שפרייטען זיי פאר קיניג שלמה'ן
פון א מייל די גרויס — א טעפיך,
אויסגעוועבט פון רויטע זיידען,
אויסגעשטיקט מיט גאלד און דימענט —
פון די גייסטער א מתנה...

רייבט דעם זיגעל קיניג שלמה,
קומט דער שטארקער ווירבעל־שטורעם,
הויבט ער איהם און זיינע מחנות
ווי א פעדער אין דער לופטען...
רייבט דעם זיגעל שלמה ווידער,
קומט דער לינדער ווינד און פרעגט איהם :

זייט בערצינ

שטאַרט דער קיניג אויף די כאָרען,
גלאָצט ער אויף די ווענד פון פּאַלאַץ...
נעהנטערט זיך אַ גרינגע וויספּע,
שפּראָצען פון די קאַלטע דילען
הויכע וויים־בעדעקטע בוימער,
שנעען קוויטען פון די בוימער
אויף דער קיניגין דזשאראדא...

. . . .

לאָזט זיין חיל רופען שלמה...
טהייל פון מענשען, טהייל פון שדים,
טהייל פון חיות איז דער חיל...
הייסט ער זיי אין וועג זיך גרייטען,
קלייבט זיך אויף אַ גרויסע מחנה —

שטייגט ער אויפ'ן טהראָן בעג'נען,
הויבט זיך אויף דער גאָלדנער אָדלער.
טהוט ער אָן די קרוין אויף שלמה'ן,
שטעהען אויף די גאָלדנע לייבען,
און דערלאַנגען איהם דעם צעפּטער —
ווייס ניט שלמה וואָס זיי טהוען,
שלייערט זיין געזיכט א וואָלקען,
שווימט אַ נעבעל פאַר די אויגען,
דורכ'ן נעבעל אויף די וועלען,
שווימט אַ טהראָן פון פּערלמוטער,
וויגט זיך אויפ'ן טהראָן דזשאראדא...

ברענגט דער אבענד טענץ און ליעדער,

איהרע פים צו קענען קוסען...
ווערען הייזעריג די אינדען
שרייענדיג ארום דעם אינזעל:
שעהנע קיניגין דזשאראדא,
פערל פון די בלאַע ימים...

. . . .

ווייכט די פרייד פון שלמה'ס הארצען,
מיידט די רוה זיין נאכט־געלעגער,
אויפ'ן וואהר און אין זיין חלום,
הערט ער ווי די אינדען רוישען:
שעהנע קיניגין דזשאראדא,
פערל פון די בלאַע ימים...

שטעהט ער צווישען הויכע פעלזען,
קאכען טיפע קעסעל־גריבער.
רונד ארום די הויכע פעלזען...
קען קיין אנקער דארט ניט האלטען,
קען קיין שיף אהין ניט גרייכען.
קינינט דארט א יונגע מלכה,
אויף א טהראן פון פערל־מוטער,
איז צו איהר ניטא קיין גלייכען...
דעקט זי אויף א ווינקעל שלייער,
ווערט די העלע זון פערדונקעלט,
וואנדערט זי ארום אין גארטען,
זינגען זיסער אלע פויגלען,
פאלען פון די בוימער קוויטען

זיינען אלע שדים שקלאפען
טאג ווי נאכט פאר קיניג שלמה.
זיינען אלע ווינדמען שפיאנען —
פריה און שפעט פאר איהם שטאפעטען...

קומט אמאל דער ווינד פון מזרח,
שושקעט ער אין שלמה'ס אויער:
כ'קום פון ים און פון יבשה,
כ'קום פון עקען וועלט צו־וועהען,
כ'בין געוועזען אויף א'ן אינזעל,
הינטער זיבען בלאע ימים,
שימערט ער פון לויטער גרינקייט.

דזשאָראָראָ

פון דעם מלך'ס שטילען קלאפּען,
פון אמאנא מיט די שליסלען,
היטענדיג דעם רינג ביים טויער —
אָבער שטאַרק דער שם המפורש,
שטאַרק די מאַכט פון קיניג שלמה...

פיפסט א'ן אפגעהאקטער טשיריק,
פון א נעסט אין די ציפרעסען —
קומט ארויס דער יונגער הערשער...
שטעהט אמינא ביי דעם פויער,
גיט זיא אפ דעם וואונדער־רינג איהם...

. . . .

. . . .

זוכט דער אשמדאי תחבולות,
שלמה'ס יאך פון זיך צו ווארפען,
שלמה'ס רינג פון איהם צו גנב'ען,
פארשט און שפיאנט דער שדים קיניג,
האט נקמה הונדערט אויגען,
איז ער גיך דעם סוד דערגאנגען,
פון דעם טויער'ל אין פאלאץ,

„אריין איז צו מיר, מיין געליעבטער
פאר׳שכור׳ט פון ווילדע געלוסטען,
אזוי ווי א בינטעל נארציסען,
געשלומערט מיר צווישען די ברוסטען...

„קומט קוויקט מיך מיט שטארקע געטראנקען,
און מינטערט מיך אויף מיט געזאנגען,
איך בין אויף דער ברוסט פון געליעבטען,
פון ליעבע און וועהטאג פארגאנגען...

. . . .

געהמט א סוף די נאכט פון תענוג,
הויבען אן ארויסצוקריכען
קעפ פון פאלמען אין דער גראקיים,

„כ׳וועל באלזאם און מירע מיר קליבען,
און שמעקען לבנון־געװוּכען,
כ׳וועל טרינקען פון מילכען און ווײנען,
און גאָלדענעם האָניג פערזוכען...

ווערט דעם קיניג׳ס קול אנטשוויגען,
קלינגט א רינג פון פרויענשטימען,
גיסט ער גלוטיג זיך פאנאדער: —

„איך הער ווי עס קלאפּט מײַן געליעבטער,
זײַן שטימע פאלט זיס אויף מײַן אויער:
מײַן קאָפּ איז אין נאַכט־טוי געבאָדען,
קום עפען, מײַן טויב, מיר דעם טויער...

בלייבט אמינא אַפּצוהיטען
טריי דעם רינג און טריי דעם טויער...
. . . .

טראָגט זיך דורך דעם שטילען גאָרטען,
קיניג שלמה׳ם פולע שטימע —
אין א פלעכט פון הארפען־קלאנגען,
הערט זיך שלמה׳ם לוסטיג זינגען:

„איך האָב צו מיין גאָרטען גענידערט,
די פארטיגע בלומען צו פליקען,
איך בין צו מיין ויינשטאָק געקומען,
די זאפטיגע טרויבען צו דריקען...

פון זיין טהראָן פון זיבען טרעפען,
שטייגט אַראָפּ דער יונגער הערשער,
געהט ער אין די אבענד שאטענס,
דורך געדיכט־בעצווייגטע שטעגען,
קומט ער צו אַ קליינעם טויער,
קלאפט ער א י י ן מאָל און קלאפט צ ו ו י י מאָל,
קומט אמינא מיט די שליסלען,
עפענט זי דעם קליינעם טויער,
געהט אריין דער יונגער שלמה,
אין דעם בלומענפאלאץ זיינעם...
וויל ער ניט דעם שם המפורש
אויף זיין זיגעל־רינג פארשוועכען,
טהוט ער אויס און גיט אמינא׳ן...

זיצט דער גרויסער הערשער שלמה...
רעכטס פון איהם אויף גינגאָלד־שטוהלען,
זיצען טויזענד גראָע זקנים,
לינקס פון איהם אויף זילבער־שטוהלען,
זיצען טויזענד קלוגע גייסטער...
קומען מענשען, קומען חיות,
קומען פויגלען פון מרחקים,
קלאָגט זיך יעדער אויף זיין לשון,
הערט ער צו מיט שאַרפען שכל,
משפט ער מיט שטרענגער חכמה...

איז דער מידער טאָג געענדיגט,
איז די רויטע זון פארגאנגען,

אלע פארבען, אלע חן'ען,
הארען אויפ'ן יונגען קיניג...
רופט מען אָן דעם שלאָס און גארטען
„קיניג שלמה'ס בלומען־פּאלאץ"...

קיינער קען אהין ניט קומען,
טהיר און טויער צוגעריגעלט,
אלע שליסלען האָט אמינא,
קיניג שלמה'ס אַם די אלטע —
בלויז אמינא'ן טרויט דער קיניג...

פון בעגינען ביז אין אבענד,
אויף זייי טהראָן פון זיבען טרעפּען,

אוינען — פרישע קאָרן בלומען,
לייבער מילך און צעפּ פון זונליכט...
ברוינע רונד־געטאָקטע גליעדער,
קופּער־פעסט און קופּער־פארביג...
ווייכע, שלאנקע טיגער־לייבער,
ארעמס — לאנגע ווייסע שלאנגען...
יונגע אביסיניער נימפען,
זודיג בלוט און קרויזע לאָקען...
שווארצע, טהוי־בעהויכטע טרויבען,
הינטער לאנגע זיידען־ברעמען...
פעדער־לייכטע מכשפות,
לאבענדיג דורך מאנדעל־אויגען —

צו דעם דופט פון ליליען־הערצער...
גליהט אין שאטען די נאסטורציע,
רייצען צונטער־רויטע מאָהנען,
בייסט די ביען פערליעבט די טולפּען,
רוישען שכור די פאנטאנען,
שווימען שוואנען אום בעטרונקען
אין א טאנץ פון זונענשטראהלען...

שטעהט א גרויסער שלאָס אין מיטען,
בליהען דאָרטען טויזענד בלומען,
אויסגעזוכט פון אַלע לענדער,
גליהען דאָרטען טויזענד ווייבער,
קיניג שלמה׳ס הארץ צו פרעהען...

אָהן אַ גרונט דער כּוס פון ליעבע —
טרינקט פון איהם דער יונגער שלמה,
טרינקט און קען זיין דורשט ניט לעשען...
אָהן אַ צאָהל די רונדע היפטען,
ווייסע בריסט און שוואַרצע אויגען,
און דער קיניג לעכצט נאָך אַלע...

איז פאַראַן אַ'ן אלטער גאַרטען,
רונד ארום פאַרצאַמט מיט פּאַלמען,
דריקען זיך די צווייגען דאָרטען,
איינער תאוה'דיג צום צווייטען...
שדכנ'ט זיך דער הייסער ריח,
פון צופלאמטע רויזענקעפּלעך,

דער בלומענפּאַלאַץ

װעל איך אויף דיין טהראָן רעגירען,
װעל איך אין דיין פּאַלאַץ װאױנען,
װעל איך קוסען זאַט די לייבער
פון די שעהנע װייבער דיינע...
װעסטו שרייען: „איך בין שלמה",
װעט דיר קיינער דאָך ניט גלויבען...

— — — — — — — — — — — — — —

זיצט און לאכט דער קיניג שלמה,
זעהט ער הענד זיך פלייסיג ריהרען,
הערט ער פלאַמען פרעהליך שיפען,
הערט ער האמערס לוסטיג קלאפען,
שטייגט דער בנין העכער, העכער,
ווערט זיין הארץ אלץ שטאָלצער. שטאָלצער...

זיצט און לאכט דער קיניג שלמה,
פון זיין הויכען טהורעם־פענסטער,
שטעהט און טראכט דער שדים־קיניג
קוקענדיג ארויף צום פענסטער: —
פריהער־שפעטער שטאָלצער שלמה,
וועט דיין רינג מיין פינגער ציערען,

פון מצרים ווייסע שטיינער,
פון לאַנד אופיר גאָלד אין גרודעס,
און בורשטין פון ווייטע ימים —
אַלצדינג אָנגעגרייט צום בויען...

גיט אַ וואונק דער קיניג שלמה,
גיט דער אשמדאי אַ צייכען,
הויבען זיך מיליאָנען ארעמס,
האקען האָלץ און זעגען ברעטער,
צינדען פייערס, מאכען פורעמס,
גיסען גאָלד פון הייסע פאנען,
לעגען שטיינער, שטעלען זיילען,
בויען ווענד און שפרייטען דעכער...

האר פון רינג, וואָס איז דיין ווילען ?

זאָגט צו זיי דער קיניג שלמה :
בויט מיר אויף אַ וואונדער בנין,
וואָס זאָל קוויקען מיינע אויגען,
שטעלט מיר אויף אַ כשוף־פּאַלאַץ,
וואו מיין טהראָן אַוועגצושטעלען...
קומט דער קיהלער הויך פון מאָרגען,
לעשט ער אויס דעם לעצטען שטערען —
זאָל דער בנין זיין געענדיגט...

אויסגערעדט — און שוין אין שייטען
ליעגען דעם לבנון'ס ריעזען,

זייט פערצעהן:

ווער פון אַייז בערג און פון שנעען,
אויף דעם ווייטען ים־הקרח —
ווער פון הייהלען אין די פעלזען,
אויף די וויסטע הרי־חשך —
ווער פון זודיגע געזעמדען,
אין סאהארא׳ם וויסטעניסען —
ווער פון קאָכיגען סמבטיון,
ווער פון וועלדער און פון זומפּען,
ווער פון ים־אוקינוס׳ גרונטען...

שטעלען זיי זיך אוים אין רייהען,
בוקען זיי זיך פאר׳ן קיניג:
האַר פון זיגעל, וואָס בעפעהלסטו?

זייט דרייצעהן

גליהען פייכט די גרויסע אויגען,
רייכט ער לייכט דעם שם המפורש
פון דעם זיגעל אויף זיין פינגער,
זאָגט ער שטיל געהיימע ווערטער,
בליצט דער רינג מיט גרינע שטראהלען...
גיט אַ ציטער אין דער לופטען,
ווערט אַ דרעהען און אַ ווירבלען,
ווערט אַ פייפען און אַ הודזשען,
קומט דער אַשמדאַי צו פליהען,
קומען סאַפּענדיג פון אימפעט,
שדים אָהן אַ צאָהל צו־לויפען,
פון די ארבע פנות עולם...

פון זיין עלפענביין געלעגער,
הויבט זיך אויף ביי נאַכט דער קיניג,
אָהן בעגלייטער, אָהן אַ היטער,
געהט ער צו דער אַלטער מויער,
קלעטערט ער צום העכסטען טהורעם...
איז אַ פענסטער דאָרט פאראנען,
קען מען זעהן פון איהם דעם גראָען,
טויטען שיין פון ים המלח —
זעצט זיך דאָרט אַוועג דער מלך...

לעגט דער שימער פון לבנה
ווייסע קרענץ אויף זיינע שלייפען,

אויפ׳ן שטורעם

* * *

אהן אַ שיעור געשטאַלטען,
אָהן אַ צאָהל גלגולים,
נעהמט עס אָן און בייט זיך —
ווי אַ שנור אַ שוואַרצע,
ווי אַ שלאַנג אַ בייזע,
קריכט עס דורך די צייטען —
ווי אַ שטילער יאָמער,
וויינט עס דורך די דורות: —

ניט דערזופט דעם בעכער,
ניט דערגרייכט דעם באַרג־שפּיץ.
ניט דערבויט דעם טהורעם,
ניט דערטרוימט דעם חלום...

* * *	זייט זיבן
אויפ'ן מהורעם	זייט עלף
בלומענבלעטן	זייט איין און צוואַנציג
דושאַראַדז	זייט פינף און דרייסיג
אַשמדאַי	זייט איין און פופציג

יהואש
שלמה'ס רינג

Copyright, 1916
S. BLOOMGARDEN

שלמה'ס רינג

יהואש

ארויסגעגעבען פון
א. כהן
קליוולאנד, אָ.
1916

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
from
the estate of
DR. JOSEPF S. CHAIKOFF